# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

חג הסוכות
תשפ"ה לפ"ק
גליון ש"א

## פראגע

### וואס איז דער שייכות צווישן דער געדאנק אז סוכות ווייזט אויף די השגחה פון השי"ת אויף כלל ישראל אין מדבר, מיט דעם וואס סוכות איז "זמן שמחתינו"?

## ענטפער:

דער ענטפער איז פשוט: ווייל דער אויבערשטער איז אונזער שמחה!

וואס איז לעבן? די וועלט וואלט געקענט זיין א פלאץ פון כאאס, א סכנה'דיגע וועלט. עס זענען דא אזויפיל כוחות אין דער טבע און אזויפיל מעגליכקייטן פאר סכנות, אפילו אין אונזער אייגענע קערפער חס ושלום. די וועלט איז פול מיט קעגנזייטיגע כוחות וועלכע שטויסן זיך צוזאם. אבער הקב"ה איז '**עושה שלום במרומיו**' - ער מאכט שלום צווישן אלע כוחות אין די הויכע רוימען.

ער מאכט אז אלע הימלישע קערפער זאלן פונקציאנירן לויט די סאמע בעסטע מעטאדן. ער איז גורם די כוחות הטבע - גראוויטעט, עלעקטרא-מאגנעטיזם, פאטא-סינטעסיס. ער מאכט די ענערגיע פון ליכטיגקייט און היץ. ער מאכט די ווינט זאל בלאזן; אז די ערד זאל זיך ארומדרייען; די באוועגונג פון די אקעאנען. ער מאכט אז די וועלט זאל ווערן פול מיט געוויקסן; אז די אינזעקטן זאלן זיך מערן לויט געוויסע כללים אז קיין שום סארט באשעפעניש פון די אינזעקטן זאלן נישט ווערן צו פארשפרייט צו פאר'סמ'ען די וועלט. אלעמאל זענען דא אנדערע באשעפענישן וועלכע האלטן זיי אין די ראמען.

די עקאלאגיע פונעם ערד-קוגל איז א שלימות'דיגער מאשין. 'עושה שלום במרומיו' - דער באשעפער מאכט שלום צווישן אזויפיל פארשידנארטיגע כוחות הטבע. ער מאכט אז אלעס זאל פונקציאנירן צוזאמען. ער פארוואלט אויף די טרעפיק אנשטאט זיי לאזן זיך אנשטויסן און ארייננקראכן איינער אינעם צווייטן; **אלע כוחות פונקציאנירט אויפ'ן בעסטן און מערסט-פונקטליכסטן וועג.**

און דערפאר זאגן מיר - '**הוא יעשה שלום עלינו**' - ער זאל אויך מאכן שלום צווישן אונז, ווייל ער איז דער וואס קען מאכן שלום אויף דער וועלט.

**איינמאל מיר ווייסן אז די וועלט האט אן אויפזעער, איז גארנישט דא צו מורא האבן.** עס מעג זיין רשעים אויף דער וועלט, דיקטאטורן. דער אויבערשטער האט זיי אלע אונטער קאנטראל. קיינער באקומט נישט קיין מאכט חוץ ווען הקב"ה גיבט אבאכט אויף אים ער וועגט אפ פונקטליך וויפיל מַאכט ער זאל האבן. קיינער קען נישט טון קיין שום זאך וואס איז קעגן דעם רצון ה'.

און דערפאר איז די וועלט אלעמאל אונטער קאנטראל, און וועגן דעם איז סוכות די צייט ווען מיר דרוקן אויס שמחה. "רננו צדיקים בה'!" - צדיקים זינגען ווייל זיי פארזיכערן זיך אינעם אויבערשטן. ווי מער מיר זענען באוואוסטזיניג אין השי"ת אלס גרעסער איז די שמחה! (#476)

**פראגע**

## וויאזוי קענען מיר זיך קאנצענטרירן אויף שמחת יום טוב, ווען דער מצב אין ארץ ישראל איז אזוי שרעקליך?

### ענטפער:

און דער ענטפער איז: נוצט עס נישט אלס אויסרייד נישט צו מקיים זיין די מצוה פון שמחה.

דער אמת איז אז ווען עס קומט צו אנדערע זאכן ווען מענטשן האבן היפש שמחה. בלויז ווען עס קומט צו א מצוה, דאן זאגט מען: "וויאזוי קענען מיר האבן די מצוה פון שמחה?"

איך וועל אייך דערציילן א מעשה: אמאל האבן מיר גערעדט דא וועגן אויסנוצן די צייט צו לערנען תורה און קומען צו שיעורים. האט א מענטש געזאגט: "פארוואס זאל מען אוועקגעבן אזויפיל צייט צו קומען צו שיעורים? פארוואס זאל מען נישט ארויסגיין טון חסד און העלפן אנדערע אידן?"

האב איך געענטפערט: "לאמיך זאגן איך וואלט געשפילט א קארד-געים, וואלט איר מיר אויך געפרעגט די קשיא? וואלט איר געזאגט: 'פארוואס שפילט איר קארדס? מען דארף גיין העלפן אנדערע מענטשן!' ניין, ווען מען שפילט קארטלעך וואלט קיינער גארנישט געזאגט. נאר ווען מען זעצט זיך אראפ לערנען עפנט דער יצר הרע זיין מויל און זאגט דיר אז מען דארף גיין העלפן אנדערע מענטשן..."

**סוכות איז די צייט פון שמחה**. עס איז די צייט צו ערפילן די מצוה פון 'ושמחת בחגיך' און אלע אנדערע רעיונות וואס איז פארבינדן מיט די שמחה פון יום טוב סוכות. צו זאגן אז מען קען דאס נישט טון צוליב דעם מצב אין ארץ ישראל איז בלויז אן אויסרייד.

אודאי קען מען אינזין האבן א תפילה פאר זיי. אויב מען קען עפעס טון דערוועגן – איך ווייס נישט וואס מ'קען טון, אבער איר קענט פרובירן. אבער דאס זאל נישט זיין קיין שום צוריקהאלט פונעם יום טוב. יום טוב איז יום טוב. און אלע געוואלדיגע לימודים פונעם יום טוב ווארט אויף אייך צו ווערן געלערנט, נישט קיין חילוק וואס דער מצב איז.

איך זע אויף די פאפירלעך אסאך שאלות וועגן ארץ ישראל (די אנוועזענדע ביים שיעור פלעגן קענען אראפשרייבן זייערע שאלות אויף א שטיקל פאפיר און עס ארויפשיקן צו רבי אביגדור זצ"ל). דעריבער מוז איך עס זאגן נאכאמאל:

מיר דארפן לעבן אונזער לעבן! אין ארץ ישראל בויען זיי יעצט סוכות און זיי גייען איינקויפן אתרוגים. זיי שטייען און קוקן אויף די שפיצן פון די לולבים, צי עס איז כשר אדער נישט. זיי גרייטן צו נוי סוכה.

די פרומע אידן אין ארץ ישראל גרייטן זיך צו זייער שמחת יום טוב. זיי גייען זיצן אין זייערע סוכות מיט זייערע קינדער און אייניקלעך. זיי וועלן האבן נחת ווען זיי קוקן אויף זיי. זיי וועלן זיין פריילעך אז זיי אלע גייען בדרך התורה. עס איז נישט קיין שאלה אז זיי גייען האבן א שמחת יום טוב, אפילו מער ווי די אידן אין אמעריקע.

די גייסט פון די פרומע אידן אין ארץ ישראל איז אזויפיל שטערקער ווי אונזער גייסט דא, מיט אלע אונזער פרייהייט און זיכערהייט. איר ווייסט פארוואס? ווייל מיר לעבן צווישן גוים. מיר רעדן ווי די גוים. זיי רעדן אידיש. די ספרדים רעדן זייער שפראך. אבער מיר זענען אנגעזאפט פון די גוי'אישע סביבה. מיר דארפן זיך צוריקשלאגן קעגן דעם. מיר זענען אין גלות.

יעצט, זיי זענען אויך אין גלות. ארץ ישראל איז אויך אין גלות היינט, אבער כאטש וואוינען דארט זייער אסאך פרומע אידן. אפשר וויליאמסבורג איז אביסל ווי ארץ ישראל היינט. קען זיין. אבער איך קען אייך צוזאגן אז די אידן אין ארץ ישראל וועלן האבן א שמחה דעם סוכות, נישט ווייניגער ווי אונז דא, און אפשר נאך מער.

איך ווינטש יעדן דא אז מיר זאלן אלע הנאה האבן פונעם סוכות; **ושמחת בחגיך והיית אך שמח!** און איר זאלט וויסן אז אין ארץ ישראל וועלן זיי אודאי מקיים זיין די מצוה אויפ'ן בעסטן אופן. (E-)

(250 - תשרי תשס"א)

**פראגע**

## וויאזוי קענען מיר אפווארפן די נסיונות און ציציאונגס-קראפט פון די היינטיגע, נידריגע וועלט?

**ענטפער:**

און דער ענטפער איז אין איין זאץ: שאקל דיך אפ פון די וועלט!

דא איז א מענטש וועלכער האט אנגעכאפט א דארן-בוים און די דערנער שטעכן אים אריין אין זיין פלייש, און ער שרייט – קוק עס בלוט! עס טוט וויי. זאגן אים מענטשן: דו נאַר איינער! קודם כל לאז אפ דעם דארן-בוים!!

דא האסטו א מענטש וועלכער זיצט פארנט פון א טעלעוויזיע און ער זאגט פאר זיין ווייב: וויאזוי קענען מיר פטור ווערן פון די נידריגע וועלט?! **נעם א האמער און געב איין זעץ און דו ביזט פארטיג מיט די נידריגע וועלט!** אויב דו ברענגסט ווייטער אריין דעם ניו יארק טיימס אין דיין הויז, וואס ערווארטסטו?

אויב א מענטש ברענגט אריין טויטע ראצן אין זיין הויז און לאזט זיי ליגן אויף דער ערד פון זיין דיינינג רום, קען ער זיך אפרעדן אויפ'ן געריך?

אלזא, שאקל דיך אפ פון די נידריגע וועלט. האב נישט קיין שייכות מיט די וועלט און דו וועסט זיין איבערראשט ווי א שנעלע רפואה עס גייט זיין.

איר ווייסט; דער ספר תהלים איז א ספר וואס לערנט אונז וויאזוי צו קומען נאנט צום אויבערשטן. עס איז פול מיט ווערטער פון רעדן צום באשעפער – אמונה, בטחון, אהבת ה', אלעס איז אין תהלים. תהלים איז א וואונדערבארער ספר פון דביקות אינעם אויבערשטן.

אבער דער ערשטער קאפיטל אין תהלים איז אן אויסנאם, עס איז א מאדנע קאפיטל. ער הייבט אן – וואויל איז דעם מענטש וועלכער גייט נישט אין די וועגן פון רשעים. פלוצלונג רעדט ער "משלי" – ער גיבט עצות. דאס איז נישט תהלים. ער רעדט נישט דארט וועגן אהבת ה'. ער רעדט וועגן שטיין ווייט פון רשעים.

און דער פשט איז דאס: **וואספארא נוצן האט מען פון רעדן נאבעלע געדאנקען פון קירבות אלקים ווען מען געפינט זיך נאך אין די געזעלשאפט פון רשעים?** אויב מען מישט זיך מיט רשעים? וויאזוי קען מען זיך רייניגן און הייליגן ווען מען האלט נאך דעם שרץ אין האנט?

דעריבער, די ערשטע זאך איידער מען הייבט אן תהלים איז – שאקל דיך אפ פון די געזעלשאפט פון רשעים! האק אפ מיט רשעים אויף יעדן וועג. מיר זענען צוגעבונדן צו רשעים אויף טויזנט וועגן. און הערשט נאכדעם ווערסטו א קאנדידאט צו לערנען די הייליגע לימודים וואס תהלים האט אוועקגעלייגט פאר דיר. (415)

**פראגע**

## וואס האלט איר וועגן די 'תורה-קאודס'. זיי טרעפן דורכ'ן קאמפיוטער באהאלטענע זאכן וואס איז מרומז אין דער תורה?

**ענטפער:**

איך קען אייך גארנישט זאגן וועגן דעם קאמפיוטערייזד סיסטעם וואס זוכט די רמזים אין דער תורה. איך ווייס נישט. מען דארף זיין פארזיכטיג, ווייל עס קען פירן צו טעותים, אבער אויפ'ן יעצטיגן מאמענט קען איך נאר גארנישט זאגן דערוועגן. (#721)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@ TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel.
Visit us at simchashachaim.com

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1.50 א וואך
מועדים $4.50

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשטיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב



## בזמן שהחמה לוקה

**ארויסגענומען פון א שיעור פון הגה"צ ר' אביגדור זצ"ל**

די גמרא זאגט אין סוכה, **"חמה לוקה"** – ווען עס איז דא א ליקוי חמה, **"סימן רע לאומות העולם"** – איז עס א סימן אז עס וועט קומען שלעכטס אויף די אומות העולם.